בעזרת השם יתברך

ספר

# אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל

דברות קודש וואס מיר האבן געהאט די זכיה צו הערן פונעם ראש ישיבה שליט"א, שבת קודש פרשת בלק, שנת תשפ"א לפרט קטן, אין שטעטל, קרית ברסלב - ליבערטי יע"א,ביים שיעור אין ספר הקדוש פעולת הצדיק

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי
Heichal Hakodesh Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

היכל הקודש וויליאמסבורג
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

היכל הקודש בארא פארק
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

היכל הקודש ברסלב
בלומינג גראוו
Heichal Hakodesh
Blooming Grove
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
1-845-238-0804

היכל הקודש מאנסי
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

נדפס ע"י קרן הדפסה היכל הקודש
181 Huschke Rd. Hurleyville, NY 12747
718-387-2691

www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

קול
ברסלב
212-444-9191

חיזוק פאר די
אידישע שטוב
212-444-9169

גרפיקה עיצוב ועימוד: **א.י.ש. אשדוד** 05276-27127

# שבת קודש פרשת בלק, שנת תשפ"א לפרט קטן אינדערפרי פאר'ן דאווענען האט דער ראש ישיבה שליט"א ממשיך געווען דעם שיעור אין ספר הקדוש פעולת הצדיק, סימנים תשעג, תשעד, תשעה, תשעו.

## סימן תשעג

זוּנְטָאג, כ"ב תַּמּוּז: הָאט זִיךְ רֶבִּי נָתָן צוּרִיק גֶעקֶערְט קַיין נֶעמְרוּב אָנְצוּגְרֵייטְן דָארְט אַ דִירָה צוּ וואוֹינֶען, וַוייל זַיין שְׁוֶוער הַגָּאוֹן הַצַּדִּיק רֶבִּי דָוִד צְבִי אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן אוּם י"ט אִיָּר אוּן זַיין וַוייבּ אוּן שְׁוִויגֶער הָאבְּן שׁוֹין גֶעוָואלְט זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּזַאמֶען מִיט אִים פוּן מָאהֲלוּב קַיין נֶעמְרוּב. דֶערְנָאךְ אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעפָארְן קַיין מָאהֲלוּב צוּ בְּרֶענְגֶען זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער צוּ זַיין נֵייעֶ דִירָה אִין נֶעמְרוּב.

## סימן תשעד

נָאךְ תִּשְׁעָה בְּאָב: אִיז רֶבִּי נָתָן אָנְגֶעקוּמֶען מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה קַיין נֶעמְרוּב. עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט וַוייל יֶעצְט וֶועט עֶר זַיין נָאנְט צוּם רֶבִּי'ן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ הֶערְן זַיינֶע תּוֹרוֹת אוּן שְׁמוּעֶסְן. אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען אַז עֶר אִיז כִּמְעַט יֶעדֶע וָואךְ גֶעפָארְן צוּם רֶבִּי'ן אוּן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט הָאט עֶר אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז דָאס אִיז מְחַיֶה בִּיז הַיינְט אַלֶע וָואס לֵיינֶען זַיינֶע וֶוערְטֶער, אוּן עֶס וֶועט נָאךְ מְחַיֶה זַיין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, וֶוען דֶעם רֶבִּי'נְס אוֹר הַגָּנוּז וֶועט אַנְטְפְּלֶעקְט וֶוערְן פַאר דִי וֶועלְט.

## סימן תשעה

רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל: אִיז פַארְטִיג גֶעוָוארְן דָאס דְרוּקְן דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אִין שְׁטָאט אוֹסְטְרָהָא. אוּן רֶבִּי יַעֲקֹב פוּן מֶעדְוֶועדִיבְקֶע הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַלֶע סְפָרִים קַיין בְּרֶסְלֶב צוּם רֶבִּי'ן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. דֶער

רֶבִּי הָאט זִיךְ גָאר שְׁטַארְק גֶעפְרֵיידְט. רֶבִּי נָתָן אִיז דֶעמָאלְט גֶעשְׁטַאנֶען נֶעבְּן רֶבִּי׳ן, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט בָּזֶה הַלָּשׁוֹן: ״דוּ זָאלְסְט נָאךְ זַיין מָרָה שְׁחוֹרָה?! דוּ בִּיסְט מְחוּיָב צוּ זַיין מְשׁוּנֶה פְרֵיילִיךְ!״ אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט: ״דוּ זָאלְסְט זִיךְ לָאזְן אַרָאפְּוַוארְפְן?! מִיט דֶעם קֶענְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט מְחַיֶה זַיין?! דוּ הָאסְט אַ גְרוֹיסְן חֵלֶק אִין דֶעם סֵפֶר!״ אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: ״דִי גַאנְצֶע סֵפֶר אִיז דַיינְס, וַוייל אָן דִיר וָואלְט נִישְׁט גֶעוֶוען דֶער סֵפֶר אוֹיף דִי וֶועלְט״. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז אַזוֹי אִיז עֶס טַאקֶע אַז דִי גַאנְצֶע סֵפֶר אִיז גֶעמַאכְט דוּרְךְ אִים, (וַוייל דוּרְךְ זַיין הִשְׁתּוֹקְקוּת וָואס עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעהַאט צוּ הֶערְן תּוֹרָה פוּן רֶבִּי׳ן, אוּן אוֹיךְ דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר הָאט אַלֶעס אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן - אִיז אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן סְפָרִים פוּן רֶבִּי׳ן). אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט: ״אַבִּיסְל וֵוייסְטוּ פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט אוּן הֵיילִיגְקֵייט פוּן דֶעם סֵפֶר, נָאךְ מֶער פוּן דֶעם זָאלְסְטוּ גְלֵייבְּן אִין זַיין גְרוֹיסְקֵייט, וָואס דָאס וֶועט אַנְטְפְּלֶעקְט וֶוערְן דוּרְךְ דֶער וָואס וֶועט אַנְטְפְּלֶעקְט וֶוערְן״, (דָאס אִיז מָשִׁיחַ, וָואס וֶועט זַיין פוּן זַיינֶע אֵיינִיקְלֶעךְ).

זאגט דער ראש ישיבה שליט״א: דאס וואס דער רבי האט געזאגט אז משיח וועט זיין פון זיינע אייניקלעך, גייט נישט נאר ארויף אויף אייניקלעך, נאר דאס קען אויך מיינען תלמידים, ווייל תלמידים ווערן אויך אנגערופן קינדער (רש״י במדבר ג, א).

דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט: ״עֶס אִיז דָאךְ גֶעדְרוּקְט גֶעוָוארְן טוֹיזֶענְט סְפָרִים, אוּן יֶעדֶע סֵפֶר קוּמְט אָן צוּ עֶטְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן״, דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל זִיךְ מְחַיֶה זַיין מִיט דֶעם אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְזַכֶּה זַיין דִי וֶועלְט מִיט דֶעם פָּארְכְטִיגְן ווּאוּנְדֶערְלִיכְן סֵפֶר.

האט דער ראש ישיבה שליט״א געזאגט: דא זעט מען ווי שטארק מען דארף זיך מחיה זיין מיט הפצה. ווען מוהרא״ש זכותו יגן עלינו האט געליטן אויף זיין הארץ אטאקע לא עלינו האב איך זייער געוואלט

אריינגיין צו אים, אבער איך האב נישט געוואוסט צי איך מעג אריינגיין אין אזעלכע אומשטענדן אים שטערן, נאכ׳ן נישט אריינגיין א לענגערע צייט האב איך געשפירט אז איך קען שוין מער נישט ווארטן אזוי לאנג נישט צו זיין ביי מוהרא״ש, בין איך אריין צו מוהרא״ש צוזאמען מיט נאך עטליכע חברים, און מוהרא״ש האט גערעדט מיט אונז וועגן הפצה, אינמיטן האט מוהרא״ש געזאגט: ״וויפיל קונטרסים קומען דען אן אין מיסט? גאר אסאך מענטשן זוכן די ספרים און דאס ברענגט צו צום אייבערשטן!״

ווען מוהרא״ש האט צום ערשטן מאל באזוכט דעם בית הדפוס אין וויליאמסבורג איז ער געווען זייער פרייליך, ער האט געהאט אן אויסטערלישן שמייכל אויף זיין פנים, און האט זיך אנגערופן: ״רבי נתן וואלט זיך מחיה געווען צו האבן אזא בית הדפוס״.

א מענטש דארף זיך מאכן א חשבון: ׳ווי אזוי האב איך אויסגעקוקט איידער איך בין מקורב געווארן צום רבי׳ן? וואס זענען געווען מיינע געדאנקען? איך האב דאך שטענדיג געטראכט פון נארישקייטן, צי מען געבט מיר גענוג כבוד אדער נישט... און איין קליין ספר׳ל האט מיר אינגאנצן געטוישט מיין לעבן, מיין גאנצע בליק, מיינע געדאנקען ווי אזוי צו טראכטן – אלעס האט זיך מיר געטוישט צום גוטן, וויל איך אז נאך מענטשן זאלן אויך וויסן פון די אלע ליכטיגע עצות פון רבי׳ן, זיי זאלן אויך קענען מצליח זיין אין לעבן׳.

דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיךְ גֶערֶעדְט צוּ עֶטְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז רֶבִּי נָתָן הָאט טַאקֶע גָאר אַ גְרוֹיסֶע חֵלֶק אִין דֶעם סֵפֶר. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַּאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אַז מֶען דַארְף מַחֲזִיק טוֹבָה זַיין דֶעם רֶבִּי נָתָן, וַוייל וֶוען נִישְׁט רֶבִּי נָתָן זָאל עוֹסֵק זַיין אִין דֶעם וָואלְט נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן אֲפִילוּ אֵיין בְּלֶעטְל פוּן זַיינֶע סְפָרִים. דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: ״יֶעדֶער פוּן עֶנְק הָאט אַ גְרוֹיס חֵלֶק אִין מַיין תּוֹרָה (עַיֵין

לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן יג, וָואס דָארְט שְׁטֵייט אַז דִי תּוֹרָה פוּנֶעם צַדִיק קוּמְט דוּרְךְ זַיינֶע מְקוּרָבִים וָואס קוּמֶען צוּ אִים), אָבֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גָאר אַ גְרוֹיסֶע חֵלֶק אִין מַיין תּוֹרָה; אִיר וֵוייסְט דָאךְ אַז וֶוען נִישְׁט עֶר וָואלְט אִיר נִישְׁט גֶעהַאט אֲפִילוּ אֵיין בְּלֶעטְל פוּן דֶעם סֵפֶר!״ אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט בָּזֶה הַלָּשׁוֹן: ״וֶוען נִישְׁט עֶר, וָואלְט אִיר נִישְׁט גֶעהַאט אַ בְּלֶעטְל שְׁמוֹת״.

## סימן תשעו

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה מוֹרָא׳דִיג אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיסְרִימֶען אוּן לוֹיבְּן זַיין הֵיילִיג סֵפֶר, אוּן הָאט גֶעזָאגְט: ״דִי וֶועלְט הָאט מִיךְ נָאכְנִישְׁט טוֹעֵם גֶעוֶוען, זֵיי זָאלְן מִיר הֶערְן אֵיין תּוֹרָה מִיט דֶעם נִיגוּן אוּן מִיטְ׳ן טַאנְץ, וָואלְט יֶעדֶער - דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אֲפִילוּ דִי חַיוֹת, דִי גְרָאז אוּן אַלֶעס וָואס אִיז דָא אִין דִי וֶועלְט - אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן דֶעם גָאר גֶעשְׁמַאקְן תַּעֲנוּג״. [מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז דָא מַסְבִּיר אַ לֶענְגֶערֶע בֵּאוּר אוֹיף דֶעם עִנְיָן. מִיר הָאבְּן דָאס נִישְׁט מְתַרְגֵם גֶעוֶוען אִין אִידִישׁ, זֶע עֶס אוּנְטְן[א]]. דֶער רֶבִּי אִיז דֶעמָאלְט אַרַיין אִין אַ לֶענְגֶערֶע שְׁמוּעֶס אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיינֶע הֵיילִיגֶע תּוֹרוֹת, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז זַיין תּוֹרָה נֶעמְט עֶר פוּן אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער הָאט נָאכְנִישְׁט גֶענוּמֶען קַיין תּוֹרָה, אִינְמִיטְן הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט בָּזֶה הַלָּשׁוֹן: ״זֵיי זָאלְן מִיר הֶערְן אֵיין תּוֹרָה מִיט דֶעם נִיגוּן אוּן מִיטְ׳ן טַאנְץ וָואלְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען!״ אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִיבֶּערְגֶעפְרֶעגְט: ״וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט?״ הָאט רֶבִּי נָתָן אִיבֶּערְגֶעזָאגְט זַיינֶע וֶוערְטֶער, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: ״וָואס מֵיינְסְטוּ? אֲפִילוּ דִי חַיוֹת אוּן בְּלֶעטֶער וְכוּ׳״.

האט דער ראש ישיבה שליט״א געזאגט: וואס איז דער תורה, ניגון און טאנץ וואס אויף דעם האט דער רבי געזאגט: ׳ווען די וועלט וואלט עס געהערט וואלטן זיי אויסגעגאנגען פון גרויס תענוג׳? דאס גייט ארויף אויף די ווערטער וואס דער רבי ברענגט אין ליקוטי מוהר״ן (חלק א,

סימן סד): "מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבַּלְעָדֶיךָ יִתְבָּרַךְ כְּלָל, וְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם", וואס מוהרא"ש האט אויף די ווערטער פארפאסט א הערליכן ניגון, און ווען די וועלט זאל עס הערן מיט'ן ניגון וואלטן אלע אויסגעגאנגען פון דעם גאר געשמאקן תענוג, ווייל עס איז נישט קיין גרעסערע תענוג אויף די וועלט ווי ווען מען נעמט אריין אין זיך די היילגע אמונה מיט א קלארקייט אז עס איז גארנישט דא אויסער דעם אייבערשטן, און די גאנצע וועלט איז איין שטיק אייבערשטער.

עס איז דא אסאך ספרים אויף די וועלט אבער עס זענען דא געוויסע ספרים וואס מען שפירט בשעת'ן לערנען ווי עס ציט צו לערנען, מען קען עס נישט ארויסלאזן פון האנט, מען וויל עס לערנען איינמאל און נאכאמאל און נאכאמאל, צום ביישפיל, ווען מען לערנט דער הייליגער ספר 'זהר הקדוש' שפירט מען ווי דאס ציט זייער שטארק, מען קען עס נישט ארויסלאזן פון האנט, אפילו מען פארשטייט כמעט גארנישט וואס דארט שטייט, און אפילו דער 'תיקוני זהר' וואס מען פארשטייט ממש גארנישט וואס דארט שטייט, דאך שפירט מען דערביי גאר א גרויסע געשמאק בשעת מען לערנט עס, מען זעט ווי עס ליגט באהאלטן דערין פארבארגענע סודות.

און אזוי איז עס אויך מיט'ן רבי'נס ספרים; אז מען הערט דעם רבי'נס דיבורים, מען לערנט דעם רבי'נס ספרים, ווערט מען זייער צוגעקלעבט דערצו, מען וויל עס לערנען נאכאמאל און נאכאמאל. איך לערן ברוך השם אסאך ספרים אבער דער ספר 'אשר בנחל' איז א ספר וואס האט נישט זיינס גלייכן, דער ספר ציט זייער מורא'דיג לערנען, ווער עס עפענט עס נאר אויף – שפירט דערביי אן אויסטערלישן געשמאקען טעם.

מענטשן מאכן חוזק פונעם ספר 'אשר בנחל': "וואס שטייט שוין דארט 'היט שבת וועט דער שבת דיך אפהיטן', אדער 'טו אן תפילין וועסטו

זוכה זיין צו אריכות ימים׳, דאס שטייט נאכאמאל און נאכאמאל..." אבער דער אמת איז אז טאקע דאס וויל איך הערן נאכאמאל און נאכאמאל אז איך זאל ׳היטן שבת׳, איך זאל ׳אנטון תפילין׳, עס איז זייער וויכטיג צו הערן שטענדיג חיזוק אויף ׳פשטות יהדות׳, אויף די סארט מצוות וואס מען טוט סיי ווי, אזוי באקומען די טעגליכע מצוות א ווערד ביים מענטש, די מצות באקומען א פרישקייט און א געשמאק.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן פאלגן דעם רבי׳ן וועלן מיר האבן א שיינע לעבן, אמן.

[א] [וְאֶפְשָׁר לַהֲבִינוֹ, כִּי מִי שֶׁהוּא יוֹדֵעַ נִגּוּן וְרִקּוּד, הִנֵּה מִי שֶׁמְּנַגֵּן מִטֶּבַע הַנִּגּוּן, שֶׁנִּמְשָׁךְ נֶפֶשׁ הַשּׁוֹמֵעַ אַחַר הַנִּגּוּן, וּמִתְבַּטֵּל בִּכְלוֹת הַנֶּפֶשׁ אַחַר תְּנוּעַת הַנִּגּוּן כְּפִי כָּל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שֶׁל הַנִּגּוּן כְּפִי מַה שֶּׁיֵּשׁ כֹּחַ לְאוֹתָהּ הַתְּנוּעָה לִשְׁבֹּר וּלְעוֹרֵר הַנֶּפֶשׁ לְהַמְשִׁיכָהּ אַחֲרֶיהָ. וּמִכָּל שֶׁכֵּן מִי שֶׁיָּכוֹל לִרְקֹד, שֶׁיִּהְיֶה הָרִקּוּד מְכֻוָּן מַמָּשׁ כְּפִי תְּנוּעַת הַנִּגּוּן, כִּי יֵשׁ תְּנוּעוֹת בְּכָל אֵיבָר וְאֵיבָר הַשַּׁיָּכוֹת לִתְנוּעַת הַנִּגּוּן, שֶׁאֵצֶל זֹאת הַתְּנוּעָה צְרִיכִים לְנַעֲנֵעַ בְּרֹאשׁוֹ אוֹ לִכְפֹּל עַצְמוֹ וְכַיּוֹצֵא בִּשְׁאָר אֵיבָרִים וּבְרַגְלַיִם, שֶׁצְּרִיכִים לַעֲשׂוֹת תְּנוּעָה בְּגוּפוֹ וּבְרַגְלָיו כְּפִי תְּנוּעוֹת הַנִּגּוּן מְכֻוָּן מַמָּשׁ, וּבִפְרָט מִי שֶׁמְּנַגֵּן נִגּוּן עִם דִּבּוּרִים וְשִׁיר, שֶׁמְּסַדֵּר שִׁיר וְדִבּוּרִים עִם תְּנוּעַת הַנִּגּוּן, שֶׁהַשִּׁיר וְהַדִּבּוּרִים שַׁיָּכִים בְּכִוּוּן גָּדוֹל לְהַנִּגּוּן, שֶׁמִּשְׁקַל הַשִּׁיר מְכֻוָּן מַמָּשׁ כְּפִי נְעִימוֹת הַנִּגּוּן, וְגַם הָרִקּוּד מְכֻוָּן מַמָּשׁ כְּפִי נְעִימוֹת הַנִּגּוּן וּמִשְׁקַל הַשִּׁיר, כִּי כֻּלּוֹ אֶחָד - כְּשֶׁזּוֹכִין לִשְׁמֹעַ נִגּוּן כָּזֶה עִם שִׁיר וְדִבּוּרִים וְעִם רִקּוּד כָּזֶה, שֶׁכֻּלָּם שַׁיָּכִים זֶה לָזֶה בְּכִוּוּן גָּדוֹל מַמָּשׁ, כִּי הַדִּבּוּרִים, דְּהַיְנוּ הַשִּׁיר וְהַנִּגּוּן וְהָרִקּוּד - כֻּלּוֹ אֶחָד מַמָּשׁ. כְּשֶׁזּוֹכִין לִשְׁמֹעַ זֹאת - אֲזַי מִתְבַּטְּלִים מַמָּשׁ בִּכְלוֹת הַנֶּפֶשׁ מִגֹּדֶל עֹצֶם הַתַּעֲנוּג הַמֻּפְלָא, וְזֶהוּ הַתַּעֲנוּג הַגָּדוֹל מִכָּל הַתַּעֲנוּגִים, וְאֵין תַּעֲנוּג גָּדוֹל מִזֶּה. וּמִי שֶׁלֹּא טָעַם זֹאת, אֵינוֹ יוֹדֵעַ כְּלָל מִתַּעֲנוּג. אַשְׁרֵי עַיִן רָאֲתָה זֹאת, כִּי גַּם בָּעוֹלָם הַבָּא אֵין הַכֹּל זוֹכִין לִשְׁמֹעַ וְלִרְאוֹת זֹאת, רַק מִי שֶׁטָּרַח בְּעֶרֶב שַׁבָּת וְכוּ׳. וְאֵלּוּ הָעוֹמְדִים סְבִיבוֹ אֵין יְכוֹלִין וְיוֹדְעִין מַה לַּעֲשׂוֹת, רַק יֵשׁ לָהֶם כְּלוֹת הַנֶּפֶשׁ וְהִשְׁתּוֹקְקוּת נִפְלָאָה מֵעֹצֶם הַתַּעֲנוּג, וְהוּא עוֹמֵד בְּאֶמְצַע וְעוֹשֶׂה כַּנַּ"ל. (וְהָבֵן הָעִנְיָן הֵיטֵב, כִּי אִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר זֹאת בִּכְתָב. וּמִי שֶׁיּוֹדֵעַ נִגּוּן וְרִקּוּד, יוּכַל לִשְׁמֹעַ מְעַט בְּלִבּוֹ עֹצֶם נְעִימוֹת עֹנֶג וְהִשְׁתּוֹקְקוּת הַנַּ"ל בִּכְלוֹת הַנֶּפֶשׁ מַמָּשׁ, עַד שֶׁמִּתְבַּטְּלִים לְגַמְרֵי, וְהָבֵן). גַּם כָּל מִי שֶׁסָּמוּךְ וּמְקֹרָב יוֹתֵר, נַעֲשֶׂה אֶצְלוֹ כָּל הַתְּנוּעוֹת מִמֵּילָא כַּנִּרְאֶה בְּחוּשׁ בְּמָשָׁל הַנַּ"ל, שֶׁמִּי שֶׁסָּמוּךְ יוֹתֵר אֶל הַנִּגּוּן וְהָרִקּוּד וּמֵבִין בְּיוֹתֵר, נַעֲשִׂין אֶצְלוֹ מִמֵּילָא כָּל הַתְּנוּעוֹת שֶׁל הַנִּגּוּן וְהָרִקּוּד מֵחֲמַת גֹּדֶל הַתַּעֲנוּג כַּנִּרְאֶה בְּחוּשׁ, שֶׁכְּשֶׁאָדָם שׁוֹמֵעַ נִגּוּן וְרִקּוּדִים מֵחֲמַת הַתַּעֲנוּג, שֶׁנִּמְשָׁךְ אַחַר הַנִּגּוּן, הוּא עוֹשֶׂה אַחֲרָיו גַּם־כֵּן אוֹתָן הַתְּנוּעוֹת וְהוּא מְנַגֵּן וּמְרַקֵּד גַּם־כֵּן קְצָת, כִּי נַעֲשֶׂה אֶצְלוֹ מִמֵּילָא תְּנוּעוֹת הַנִּגּוּן וְהָרִקּוּד. כְּמוֹ כֵן כְּשֶׁמְּקֹרָב יוֹתֵר אֶל הַקְּדֻשָּׁה, כָּל מַה שֶּׁסָּמוּךְ יוֹתֵר אֶל הַתּוֹרָה וְהַנִּגּוּן וְהָרִקּוּד, נַעֲשֶׂה גַּם־כֵּן אֶצְלוֹ הַתְּנוּעוֹת שֶׁל כָּל הַנַּ"ל שֶׁל הַקְּדֻשָּׁה מִמֵּילָא].